דעם רבינ'ס
מעשיות

ספּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת
מֵרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זיע"א

הַמַּעֲשֶׂה עִם הַבְּחִינוֹת
בִּלְשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ - וְאִידִישׁ

מעשה א'
מאבידת בת מלך (2)
גליון 44

## שָׁלוֹם יְלָדִים יְקָרִים!

הַ'שֵּׁנִי־לְמַלְכוּת' הוֹלֵךְ לְחַפֵּשׂ אֶת הַ'בַּת־מֶלֶךְ', שָׁנִים אֲרֻכּוֹת הוּא מְחַפֵּשׂ, וְכוֹסֵף, רוֹצֶה וּמִתְגַּעְגֵּעַ, לְהָבִיא אֶת הַ'בַּת־מֶלֶךְ' אֶל הַ'מֶּלֶךְ'. רַבֵּנוּ זַ"ל כְּבָר סִפֵּר בִּתְחִלַּת הַסִּפּוּר: **"שֶׁבַּסּוֹף מְצָאָהּ!"** - וּבְכָל זֹאת הוּא מְסַפֵּר בַּאֲרִיכוּת: **"שֶׁהָיָה מְבַקְּשָׁהּ זְמַן מְרֻבֶּה"**, וְהֶחְזִיק בְּרָצוֹן וְכִסּוּפִים לַמְרוֹת כָּל הַקְּשָׁיִים"!

הַצַּדִּיקִים מְלַמְּדִים אוֹתָנוּ: שֶׁהַשֵּׁם־יִתְבָּרֵךְ רוֹצֶה אֶת הַלֵּב, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בַּזֹּהַר־הַקָּדוֹשׁ: **"רַחֲמָנָא לִבָּא בָּעֵי"!** - כָּל רָצוֹן קָדוֹשׁ, יָקָר וְחָשׁוּב מְאֹד בַּשָּׁמַיִם, אֲפִילוּ שֶׁבַּסּוֹף זֶה נִרְאֶה שֶׁלֹּא יֵצֵא מִזֶּה כְּלוּם, כְּמוֹ לְמָשָׁל: יֶלֶד שֶׁרוֹצֶה לִלְמֹד מִשְׁנָיוֹת בְּעַל־פֶּה, וְלֹא מַצְלִיחַ, אוֹ לְהִתְפַּלֵּל בְּכַוָּנָה, וְלֹא הוֹלֵךְ לוֹ, בַּסּוֹף הוּא מִתְפַּזֵּר וְשׁוֹכֵחַ וְכוּ'.. וְכָל פַּעַם הוּא רוֹצֶה שׁוּב וּמַתְחִיל, וְשׁוּב נוֹפֵל. עֶצֶם הָרָצוֹן לִלְמֹד וּלְהִתְפַּלֵּל, זֶה קָדוֹשׁ מְאֹד, וְחָשׁוּב מְאֹד אֵצֶל הַשֵּׁם־יִתְבָּרֵךְ, כִּי אֵצֶל הַשֵּׁם־יִתְבָּרֵךְ יָקָר מְאֹד כָּל רָצוֹן טוֹב וְכָל גַּעְגּוּעַ, אֲפִילוּ קָטָן, לַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ יִתְבָּרֵךְ,

רַבֵּנוּ זַ"ל הִפְלִיג מְאֹד בַּחֲשִׁיבוּת הָרָצוֹן וְהַכִּסּוּפִים לְדָבָר טוֹב, **וְאָמַר: "רָצוֹן - זֶה עִקָּר שֶׁהַכֹּל תָּלוּי בּוֹ"**, הָרְצוֹנוֹת הַקְּטַנִּים וְהַטְּהוֹרִים שֶׁלָּנוּ, זֶה לֹא אֵיזֶה מַעֲלָה אוֹ מִדָּה טוֹבָה, זֶה הָעִקָּר! וְאֵין שׁוּם רָצוֹן טוֹב נֶאֱבַד, הַכֹּל נִזְכָּר וְנִרְשָׁם בַּשָּׁמַיִם לְטוֹב,

יָדוּעַ הַמַּעֲשֶׂה שֶׁסִּפְּרוּ פַּעַם לְהָרַב מִחַמֶעלְנִיק מְחֻתָּנוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ: "שֶׁהָרַב מִוָּואלְטְשִׁיסְק, שֶׁגַּם הוּא הָיָה מְחֻתָּנוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ, כְּבָר מִתְגַּעְגֵּעַ אַרְבָּעִים שָׁנָה שֶׁיִּזְכֶּה לָבוֹא וְלִהְיוֹת בְּאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל"! - וְאָמַר הָרַב מִחַמֶעלְנִיק: "מַה כָּל הָרַעַשׁ וְהַגַּעְגּוּעִים אַרְבָּעִים שָׁנָה לָבוֹא לְאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, לוֹקְחִים מָעוֹת וְנוֹסְעִים"! (הַכַּוָּנָה: שֶׁאֵין צָרִיךְ לְהִתְגַּעְגֵּעַ אֶלָּא לַעֲשׂוֹת לְמַעֲשֶׂה, לָקַחַת כֶּסֶף וְלֶאֱרֹז חֲפָצָיו וְלִנְסֹעַ).

כְּשֶׁסִּפְּרוּ זֹאת לְרַבֵּנוּ, עָנָה וְאָמַר: **"הָרַב מִוָּואלְטְשִׁיסְק 'שֶׁיֵּשׁ לוֹ גַּעְגּוּעִים לְאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל', יִזְכֶּה לְבַסּוֹף לִהְיוֹת בְּאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל!** - וְהָרַב מִחַמֶעלְנִיק שֶׁאָמַר: 'שֶׁלּוֹקְחִים מָעוֹת וְנוֹסְעִים', לֹא יִהְיֶה בְּאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל"!

וְכָךְ הֲוָה: שֶׁאַחַר־כָּךְ עָלָה הָרַב מִוָּואלְטְשִׁיסְק עִם כָּל בְּנֵי־בֵיתוֹ לְאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, וְדָר שָׁם כַּמָּה שָׁנִים. וְהָרַב מִחַמֶעלְנִיק לֹא זָכָה.

מְלַמְּדֵנוּ רַבֵּנוּ הִתְחַזְּקוּת עֲצוּמָה: לִרְצוֹת! זֶה תָּמִיד אֶפְשָׁרִי, גַּם אִם לְמַעֲשֶׂה נִרְאֶה שֶׁאֵין לִי סִכּוּי! - אֲבָל לְהַחֲזִיק בְּרָצוֹן הַטּוֹב וְלֹא לְהִתְיָאֵשׁ, זֶה תָּמִיד בִּבְחִירָה שֶׁלָּנוּ, זֶה לֹא קָשׁוּר לְשׁוּם דָּבָר בַּחוּץ, רַק לָאֱמוּנָה וְהַתְּמִימוּת שֶׁבְּתוֹךְ לִבֵּנוּ. וְזֶה עִקַּר הַתְּפִלָּה: לְהוֹצִיא **רְצוֹנוֹתֵינוּ** וְכִסּוּפֵינוּ בְּפֶה: "הַשֵּׁם! אֲנִי **רוֹצֶה** לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר! אֲנִי **רוֹצֶה** לִלְמֹד תּוֹרָה"! - זֶה עִקַּר הַהִתְבּוֹדְדוּת, לְסַפֵּר לְהַשֵּׁם־יִתְבָּרֵךְ אֶת רְצוֹנוֹתֵינוּ הָאֲמִתִּיִּים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אֲנִי **רוֹצֶה** לִהְיוֹת טוֹב! לְשַׂמֵּחַ אֶת הוֹרַי וּלְכַבְּדָם! וְכוּ'. כָּל אֶחָד כְּפִי מַה שֶּׁבְּלִבּוֹ.

**יְהִי רָצוֹן שֶׁנַּתְמִיד בְּדֶרֶךְ קְדוֹשָׁה זוֹ, אָמֵן.**



**בַּיּוֹם הָאַחֲרוֹן** הָיָה הוֹלֵךְ לְשָׁם וְרָאָה מַעְיָן הוֹלֵךְ וְהַמַּרְאֶה - אָדֹם וְהָרֵיחַ - שֶׁל יַיִן. וְשָׁאַל אֶת הַמְשָׁרֵת: הֲרָאִיתָ שֶׁזֶּה מַעְיָן, וְרָאוּי שֶׁיִּהְיֶה בּוֹ מַיִם וְהַמַּרְאֶה - אַדְמוּמִית וְהָרֵיחַ - שֶׁל יַיִן? וְהָלַךְ וְטָעַם מֵהַמַּעְיָן. וְנָפַל וְיָשַׁן מִיָּד כַּמָּה שָׁנִים עַד שִׁבְעִים שָׁנָה,

וְהָיוּ הוֹלְכִין חֲיָלוֹת רַבּוֹת עִם הַשַּׁיָּךְ לָהֶם, מַה שֶּׁנּוֹסֵעַ אַחֲרֵיהֶם (שֶׁקּוֹרִין אוֹבּאזִין) וְהַמְשָׁרֵת הִטְמִין עַצְמוֹ מֵחֲמַת הַחֲיָלוֹת. אַחַר־כָּךְ הָלְכָה מֶרְכָּבָה וְעֶגְלוֹת־צָב, וְשָׁם יָשְׁבָה הַבַּת מֶלֶךְ. וְעָמְדָה שָׁם אֶצְלוֹ, וְיָרְדָה וְיָשְׁבָה אֶצְלוֹ וְהִכִּירָה אוֹתוֹ. וְהָיְתָה מְנַעֶרֶת אוֹתוֹ מְאֹד, וְלֹא נִנְעַר.

וְהִתְחִילָה לְקַבֵּל עָלָיו אֲשֶׁר כַּמָּה וְכַמָּה יְגִיעוֹת וּטְרָחוֹת גְּדוֹלוֹת מְאֹד שֶׁהָיוּ לוֹ זֶה כַּמָּה וְכַמָּה שָׁנִים כְּדֵי לְהוֹצִיא אוֹתִי, וּבִשְׁבִיל אוֹתוֹ הַיּוֹם שֶׁהָיָה יָכוֹל לְהוֹצִיאֵנִי וְאִבְּדוֹ, וְהָיְתָה בּוֹכָה מְאֹד עַל זֶה, כִּי יֵשׁ רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עָלָיו וְעָלַי, שֶׁכָּל־כָּךְ זְמַן שֶׁאֲנִי כָּאן, וְאֵינִי יָכוֹל לָצֵאת.

אַחַר־כָּךְ לָקְחָה פַּאטְשֵׁילֶע מֵעַל רֹאשָׁהּ וְכָתְבָה עָלָיו בְּדִמְעוֹת שֶׁלָּהּ וְהִנִּיחָה אֶצְלוֹ וְעָמְדָה וְיָשְׁבָה בְּמֶרְכַּבְתָּהּ, וְנָסְעָה מִשָּׁם.

אַחַר־כָּךְ הֵקִיץ וְשָׁאַל אֶת הַמְשָׁרֵת: הֵיכָן אֲנִי בָּעוֹלָם? וְסִפֵּר לוֹ כָּל הַמַּעֲשֶׂה, וְשֶׁחֲיָלוֹת רַבּוֹת הָלְכוּ שָׁם, וְשֶׁהָיְתָה כָּאן מֶרְכָּבָה הַנַּ"ל, וְשֶׁהָיְתָה בּוֹכָה עָלָיו וְהָיְתָה צוֹעֶקֶת שֶׁיֵּשׁ רַחֲמָנוּת עָלָיו וְעָלֶיהָ, כַּנַּ"ל.

בְּתוֹךְ כָּךְ הֵצִיץ וְרָאָה, שֶׁהַפַּאטְשֵׁילֶע מֻנַּחַת אֶצְלוֹ. וְשָׁאַל: מֵאַיִן זֶה? וְהֵשִׁיב לוֹ, שֶׁהִיא כָּתְבָה עָלָיו בְּהַדְּמָעוֹת. וּלְקָחָהּ וְהֵרִים אוֹתָהּ כְּנֶגֶד הַשֶּׁמֶשׁ, וְהִתְחִיל לִרְאוֹת הָאוֹתִיּוֹת,

וְקָרָא מַה שֶּׁכָּתוּב שָׁם כָּל קֻבְלָתָהּ וְצַעֲקָתָהּ, כַּנַּ"ל, וְשֶׁכָּעֵת אֵינֶנָּהּ שָׁם בַּמִּבְצָר הַנַּ"ל, כִּי אִם שֶׁיְּבַקֵּשׁ הַר שֶׁל זָהָב וּמִבְצָר שֶׁל מַרְגָּלִיּוֹת, שָׁם תִּמְצָאֵנִי.

וְהִשְׁאִיר אֶת הַמְשָׁרֵת וְהִנִּיחוֹ, וְהָלַךְ לְבַדּוֹ לְבַקְּשָׁהּ.

וְהָלַךְ כַּמָּה שָׁנִים לְבַקְּשָׁהּ, וְיָשַׁב עַצְמוֹ, שֶׁבְּוַדַּאי בַּיִּשּׁוּב לֹא נִמְצָא הַר שֶׁל זָהָב וּמִבְצָר שֶׁל מַרְגָּלִיּוֹת, כִּי הוּא בָּקִי בְּמַפַּת הָעוֹלָם (שֶׁקּוֹרִין לַאנְד קַארְט) וְעַל כֵּן אֵלֵךְ אֶל הַמִּדְבָּרִיּוֹת. וְהָלַךְ לְבַקְּשָׁהּ בַּמִּדְבָּרִיּוֹת כַּמָּה וְכַמָּה שָׁנִים. אַחַר־כָּךְ רָאָה אָדָם גָּדוֹל מְאֹד, שֶׁאֵינוֹ (גֶּדֶר) אֱנוֹשִׁי כְּלָל שֶׁיִּהְיֶה אָדָם גָּדוֹל כָּל־כָּךְ. וְנָשָׂא אִילָן גָּדוֹל, שֶׁבַּיִּשּׁוּב אֵינוֹ נִמְצָא אִילָן גָּדוֹל כָּזֶה, וְאוֹתוֹ הָאִישׁ שָׁאַל אוֹתוֹ: מִי אַתָּה? וְאָמַר לוֹ: אֲנִי אָדָם.

וְתָמַהּ וְאָמַר, שֶׁזֶּה כָּל־כָּךְ זְמַן שֶׁאֲנִי בְּהַמִּדְבָּר, וְלֹא רָאִיתִי מֵעוֹלָם בְּכָאן אָדָם. וְסִפֵּר לוֹ כָּל הַמַּעֲשֶׂה הַנַּ"ל וְשֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ הַר שֶׁל זָהָב וּמִבְצָר שֶׁל מַרְגָּלִיּוֹת.

אָמַר לוֹ: בְּוַדַּאי אֵינוֹ בַּנִּמְצָא כְּלָל, וְדָחָה אוֹתוֹ וְאָמַר לוֹ, שֶׁהִשִּׂיאוּ אֶת דַּעְתּוֹ בִּדְבַר שְׁטוּת, כִּי בְּוַדַּאי אֵינוֹ נִמְצָא כְּלָל. וְהִתְחִיל לִבְכּוֹת מְאֹד (הַיְנוּ הַשֵּׁנִי לַמַּלְכוּת בָּכָה מְאֹד וְאָמַר), כִּי בְּוַדַּאי בְּהֶכְרֵחַ הוּא נִמְצָא בְּאֵיזֶה מָקוֹם, וְהוּא דָּחָה אוֹתוֹ (הַיְנוּ הָאָדָם הַמְשֻׁנֶּה שֶׁפָּגַע דָּחָה אוֹתוֹ בִּדְבָרָיו וְאָמַר) כִּי בְּוַדַּאי דְּבַר שְׁטוּת אָמְרוּ לְפָנָיו. וְהוּא אָמַר (הַיְנוּ הַשֵּׁנִי לַמַּלְכוּת), שֶׁבְּוַדַּאי יֵשׁ.

אָמַר לוֹ (הָאָדָם הַמְשֻׁנֶּה לְהַשֵּׁנִי לַמַּלְכוּת): לְדַעְתִּי הִיא שְׁטוּת, אַךְ מֵחֲמַת שֶׁאַתָּה מִתְעַקֵּשׁ, הִנֵּה אֲנִי מְמֻנֶּה עַל כָּל הַחַיּוֹת, אֶעֱשֶׂה לְמַעַנְךָ וְאֶקְרָא לְכָל הַחַיּוֹת, כִּי הֵם רָצִים אֶת כָּל הָעוֹלָם, אוּלַי תֵּדַע אַחַת מֵהֶם מֵהַר וּמִבְצָר, כַּנַּ"ל, וְקָרָא

אֶת כֻּלָּם מִקָּטָן וְעַד גָּדוֹל כָּל מִינֵי הַחַיּוֹת וְשָׁאַל אוֹתָם, וְכֻלָּם הֵשִׁיבוּ, שֶׁלֹּא רָאוּ.

וְאָמַר לוֹ: רְאֵה שֶׁשְּׁטוּת סִפְּרוּ לְפָנֶיךָ; אִם תִּשְׁמַע, שׁוּב לַאֲחוֹרֶיךָ, כִּי בְּוַדַּאי לֹא תִמְצָא, כִּי אֵינֶנּוּ בָּעוֹלָם. וְהוּא הִפְצִיר מְאֹד וְאָמַר, שֶׁבְּהֶכְרֵחַ הוּא בַּנִּמְצָא בְּוַדַּאי.

אָמַר לוֹ (הָאָדָם הַמְשֻׁנֶּה לְהַשֵּׁנִי לַמַּלְכוּת): הִנֵּה בַּמִּדְבָּר נִמְצָא שָׁם אָחִי, וְהוּא מְמֻנֶּה עַל כָּל הָעוֹפוֹת, וְאוּלַי יוֹדְעִים הֵם מֵחֲמַת שֶׁהֵם פּוֹרְחִים בָּאֲוִיר בִּגְבוֹהַּ, אוּלַי רָאוּ הַר וּמִבְצָר הַנַּ"ל, וְתֵלֵךְ אֵלָיו וְתֹאמַר לוֹ, שֶׁאֲנִי שְׁלַחְתִּי אוֹתְךָ אֵלָיו. וְהָלַךְ כַּמָּה וְכַמָּה שָׁנִים לְבַקְּשׁוֹ. וּמָצָא שׁוּב אָדָם גָּדוֹל מְאֹד, כַּנַּ"ל, וְנָשָׂא גַּם־כֵּן אִילָן גָּדוֹל, כַּנַּ"ל. וְשָׁאַל אוֹתוֹ גַּם־כֵּן כַּנַּ"ל, וְהֵשִׁיב לוֹ כָּל הַמַּעֲשֶׂה וְשֶׁאָחִיו שְׁלָחוֹ אֵלָיו. וְהוּא דָּחָה אוֹתוֹ גַּם־כֵּן, כִּי בְּוַדַּאי אֵינוֹ בַּנִּמְצָא. וְהוּא הִפְצִיר אוֹתוֹ גַּם־כֵּן.

וְאָמַר לוֹ (הָאָדָם הַזֶּה לְהַשֵּׁנִי לַמַּלְכוּת): הִנֵּה אֲנִי מְמֻנֶּה עַל כָּל הָעוֹפוֹת; אֶקְרָא אוֹתָם, אוּלַי יוֹדְעִים הֵם. וְקָרָא כָּל הָעוֹפוֹת וְשָׁאַל אֶת כֻּלָּם מִקָּטָן וְעַד גָּדוֹל, וְהֵשִׁיבוּ, שֶׁאֵינָם יוֹדְעִים מֵהַר וּמִבְצָר הַנַּ"ל. אָמַר לוֹ: הֲלֹא אַתָּה רוֹאֶה שֶׁבְּוַדַּאי אֵינֶנּוּ בָּעוֹלָם, אִם תִּשְׁמַע לִי, שׁוּב לַאֲחוֹרֶיךָ, כִּי בְּוַדַּאי אֵינֶנּוּ. וְהוּא (הַיְנוּ הַשֵּׁנִי לַמַּלְכוּת) הִפְצִיר אוֹתוֹ וְאָמַר, שֶׁבְּוַדַּאי יֶשְׁנוֹ בָּעוֹלָם.

אָמַר לוֹ (הָאָדָם הַב' הַזֶּה לְהַשֵּׁנִי לַמַּלְכוּת): לְהַלָּן בַּמִּדְבָּר נִמְצָא שָׁם אָחִי, שֶׁמְּמֻנֶּה עַל כָּל הָרוּחוֹת, וְהֵם רָצִים כָּל הָעוֹלָם, אוּלַי יוֹדְעִים הֵם.

וְהָלַךְ כַּמָּה וְכַמָּה שָׁנִים לְבַקֵּשׁ וּמָצָא אָדָם גָּדוֹל גַּם־כֵּן, כַּנַּ"ל, וְנָשָׂא גַּם־כֵּן אִילָן גָּדוֹל, כַּנַּ"ל. וְשָׁאַל אוֹתוֹ גַּם־כֵּן, כַּנַּ"ל, וְהֵשִׁיב לוֹ כָּל הַמַּעֲשֶׂה, כַּנַּ"ל, וְדָחָה אוֹתוֹ גַּם־כֵּן. וְהוּא הִפְצִיר אוֹתוֹ גַּם־כֵּן.

וְאָמַר לוֹ (הָאָדָם הַשְּׁלִישִׁי הַזֶּה לְהַשֵּׁנִי לַמַּלְכוּת): שֶׁלְּמַעֲנוֹ יִקְרָא שֶׁיָּבוֹאוּ כָּל הָרוּחוֹת וְיִשְׁאַל אוֹתָם. וְקָרָא אוֹתָם, וּבָאוּ כָּל הָרוּחוֹת, וְשָׁאַל אֶת כֻּלָּם, וְלֹא יָדְעוּ שׁוּם אֶחָד מֵהֶם מֵהַר וּמִבְצָר הַנַּ"ל.

וְאָמַר לוֹ (הָאָדָם הַשְּׁלִישִׁי לְהַשֵּׁנִי לַמַּלְכוּת): הֲלֹא אַתָּה רוֹאֶה שֶׁשְּׁטוּת סִפְּרוּ לְפָנֶיךָ. וְהִתְחִיל לִבְכּוֹת מְאֹד. וְאָמַר: אֲנִי יוֹדֵעַ שֶׁיֶּשְׁנוֹ בְּוַדַּאי.

בְּתוֹךְ כָּךְ רָאָה שֶׁבָּא עוֹד רוּחַ אֶחָד. וְכָעַס עָלָיו הַמְמֻנֶּה הַנַּ"ל: מַדּוּעַ נִתְאַחַרְתָּ לָבוֹא? הֲלֹא גָּזַרְתִּי, שֶׁיָּבוֹאוּ כָּל הָרוּחוֹת, וְלָמָּה לֹא בָּאתָ עִמָּהֶם? הֵשִׁיב לוֹ, שֶׁנִּתְעַכַּבְתִּי מֵחֲמַת שֶׁהָיִיתִי צָרִיךְ לָשֵׂאת בַּת מַלְכָּה אֶל הַר שֶׁל זָהָב וּמִבְצָר שֶׁל מַרְגָּלִיּוֹת. וְשָׂמַח מְאֹד.

וְשָׁאַל הַמְמֻנֶּה אֶת הָרוּחַ: מַה יָּקָר שָׁם (הַיְנוּ אֵיזֶה דְּבָרִים הֵם שָׁם בְּיֹקֶר וּבַחֲשִׁיבוּת), וְאָמַר לוֹ, שֶׁכָּל הַדְּבָרִים הֵם שָׁם בְּיֹקֶר גָּדוֹל.

וְאָמַר הַמְמֻנֶּה עַל הָרוּחוֹת לְהַשֵּׁנִי לַמַּלְכוּת: בַּאֲשֶׁר שֶׁזֶּה זְמַן גָּדוֹל כָּל־כָּךְ שֶׁאַתָּה מְבַקְּשָׁהּ וְכַמָּה יְגִיעוֹת שֶׁהָיוּ לְךָ, וְאוּלַי יִהְיֶה לְךָ עַתָּה מְנִיעָה מֵחֲמַת מָמוֹן, עַל כֵּן אֲנִי נוֹתֵן לְךָ כְּלִי, כְּשֶׁתּוֹשִׁיט יָדְךָ לְתוֹכָהּ תְּקַבֵּל מִשָּׁם מָעוֹת.

וְגָזַר עַל הָרוּחַ הַנַּ"ל, שֶׁיּוֹלִיךְ אוֹתוֹ לְשָׁם. וּבָא הָרוּחַ סְעָרָה וְנָשָׂא אוֹתוֹ לְשָׁם, וְהֵבִיא אוֹתוֹ אֶל שַׁעַר, וְהָיוּ עוֹמְדִים שָׁם חֲיָלוֹת, שֶׁלֹּא הִנִּיחוּ לִכְנֹס אֶל הָעִיר. וְהוֹשִׁיט יָדוֹ אֶל הַכְּלִי, וְלָקַח מָעוֹת, וְשִׁחֵד אוֹתָם, וְנִכְנַס לְתוֹךְ הָעִיר. וְהָיְתָה עִיר נָאָה.

וְהָלַךְ אֶל גְּבִיר וְשָׂכַר לוֹ מְזוֹנוֹת, כִּי צָרִיךְ לִשְׁהוֹת שָׁם, כִּי צָרִיךְ לָשׂוּם שֵׂכֶל וְחָכְמָה לְהוֹצִיאָהּ. וְאֵיךְ שֶׁהוֹצִיאָהּ לֹא סִפֵּר; **וּבַסּוֹף הוֹצִיאָהּ.**

(וְעַיֵּן בַּהַקְדָּמָה וְתִרְאֶה רְמָזִים נִפְלָאִים עַל מַעֲשֶׂה הַזֹּאת).

אִיבֶּערְגֶעאַרְבֶּעט דוּרְךְ ״מְכוֹן שָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת״ - לוֹיטְן הַיינְטִיגְן אִידִישׁ - אָן צוּ פַארְעֶנְדֶערְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס לָשׁוֹן / פּוּנְקְטְלִיךְ אִיבֶּערְגֶעקוּקְט פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן דְרוּק שְׁנַת תקע״ו
פוּן רַבִּי נָתָן זיע״א, אוּן פוּנֶעם צְוֵוייטְן דְרוּק שְׁנַת תר״י פוּן זַיין תַּלְמִיד רַבִּי נַחְמָן מִטוּלְטְשִׁין ז״ל / דִי אַיינְגֶערִינְגֶעלְטֶע וֶוערְטֶער () זֶענֶען עֶרְקְלֶערוּנְגֶען פוּן רַבִּי נָתָן זיע״א /
דִי אַיינְגֶעקֶעסְטֶעלְטֶע וֶוערְטֶער [] זֶענֶען עֶרְקְלֶערוּנְגֶען פוּנֶעם ׳סִפּוּרֵי-מַעֲשִׂיּוֹת׳ בִּלְשׁוֹן-הַקוֹדֶשׁ, אָדֶער אֵייגֶענֶע עֶרְקְלֶערוּנְגֶען [פַאר בַּאמֶערְקוּנְגֶען: 7631800@gmail.com]

## פֶּרֶק ג - דָאס קְוַואל וַויין / שְׁלָאפְט זִיבֶּעצִיג יָאהְר / דָאס פַּאטְשֵׁיילֶע

[אוֹת א] דֶעם אוּנְטֶערְשְׁטְן טָאג אִיז עֶר אַהִינְגֶעגַאנְגֶען! - הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אַ ׳קְוַואל׳ גֵיין! אוּן דִי ׳מַרְאֶה׳ [אוֹיסְקוּק] פוּן דֶעם ׳קְוַואל׳, אִיז גֶעוֶוען ׳רוֹיט׳! אוּן דֶער ׳רֵיחַ׳ אִיז גֶעוֶוען פוּן ׳וַויין׳! הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם ׳מְשָׁרֵת׳: ״הָאסְטוּ גֶעזֶעהְן: [אַז] דָאס אִיז אַ ׳קְוַואל׳ (קֶער [עֶס בַּאלַאנְגְט] צוּ זַיין אִין אִים ׳וַואסֶער׳)! - אוּן דִי ׳מַרְאֶה׳ אִיז ׳רוֹיט׳! אוּן דֶער ׳רֵיחַ׳ אִיז פוּן ׳וַויין׳״?!

אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט עֶפֶּעס פַארְזוּכְט פוּן דֶעם ׳קְוַואל׳! - אִיז עֶר תֵּיכֶף אַנִידֶערְגֶעפַאלְן! אוּן הָאט גֶעשְׁלָאפְן כַּמָּה שָׁנִים [אַסַאךְ יָאהְרְן], זִיבֶּעצִיג יָאהְר!

זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אַסַאךְ ׳חֲיָילוֹת׳ [מִילִיטֶער], מִיט דִי ׳אוֹיבַּאזְן׳ [גְרוּפֶּע] וָואס גֵייעֶן זֵיי נָאךְ! - אוּן דֶער ׳מְשָׁרֵת׳ הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן פַאר דִי ׳חֲיָילוֹת׳! - נָאכְדֶעם אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ ׳קַארֶעטֶע׳ [פַארְמַאכְטֶע וָואגְן]! אוּן דָארְט אִיז גֶעזֶעסְן דִי ׳בַּת-מֶלֶךְ׳!

הָאט זִי [דִי ׳בַּת-מֶלֶךְ׳] זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט נֶעבְן אִים! אוּן אִיז אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען! אוּן הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט נֶעבְן אִים! - אוּן [זִי] הָאט אִים דֶערְקֶענְט! אוּן הָאט אִים זֵייעֶר גֶעוֶועקְט! - עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְוֶועקְן!

הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ ׳קְלָאגְן׳ אוֹיף אִים: ״בַּאֲשֶׁר [אַז] אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל יְגִיעוֹת אוּן טִרְחוֹת [פְּלָאג אוּן הָארֶעוַואנְיֶע], אַזוֹיפִיל יָאהְרְן וָואס דוּ מוּטְשֶׁעסְט דִיךְ, אוּן הָארֶעוֶועסְט אַזוֹי לַאנְג, כְּדֵי אַז דוּ זָאלְסְט מִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען! - אוּן פוּן אֵיין טָאג וֶועגְן, וָואס דוּ הָאסְט גֶעקֶענְט מִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען, הָאסְטוּ גָאר אָנְגֶעוָוארְן [דֶערְלֵייגְט]״!

אוּן זִי הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט! - זִי הָאט גֶעזָאגְט: ״עֶס אִיז אַ גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף מִיר! [אַז סְ׳אִיז שׁוֹין] אַזוֹי אַ [אַזַא] לַאנְגֶע צַייט וָואס אִיךְ בִּין דָא, אוּן [אִיךְ] קֶען נִישְׁט אַרוֹיס״ וְכוּ׳!

דֶערְנָאךְ הָאט זִי גֶענוּמֶען אַ ׳פַּאטְשֵׁיילֶע׳ [טִיכְל] פוּן דֶעם קָאפּ! - אוּן הָאט אוֹיף אִיר אָנְגֶעשְׁרִיבְּן מִיט אִירֶע טְרֶערְן! - אוּן הָאט [דָאס] אַנִידֶערְגֶעלֵייגְט נֶעבְן אִים! - אוּן אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אוּן הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעזֶעצְט אִין דֶער ׳קַארֶעטֶע׳, אוּן אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן!

[אוֹת ב] דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט [פוּן זַיין שְׁלָאף]! - אוּן הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם ׳מְשָׁרֵת׳: ״ווּאוּ בִּין אִיךְ אִין דֶער וֶועלְט״?! - הָאט עֶר אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה! - אוּן [אַז] אַזוֹי אַסַאךְ ׳חֲיָילוֹת׳ [מִילִיטֶער] זֶענֶען דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען! - אוּן אַז עֶס אִיז דָא גֶעוֶוען דִי ׳קַארֶעטֶע׳ [מִיטְן ׳בַּת-מֶלֶךְ׳]! - אוּן אַז זִי הָאט גֶעוֵויינְט אִיבֶּער [אוֹיף] אִים, אוּן זִי הָאט גֶעשְׁרִיגְן: ״עֶס אִיז אַ גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף מִיר״ וְכוּ׳, כַּנַ״ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

דֶערְוַוייל! הָאט עֶר אַ בְּלִיק גֶעטָאן! הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן: ״[אַז] דִי ׳פַּאטְשֵׁיילֶע׳ לִיגְט נֶעבְן אִים״! - הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: ״פוּן וַואנֶען אִיז דָאס״?! - הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״זִי הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעלָאזְט, אוּן הָאט אוֹיף אִיר אָנְגֶעשְׁרִיבְּן מִיט אִירֶע טְרֶערְן״!

הָאט עֶר גֶענוּמֶען דִי ׳פַּאטְשֵׁיילֶע׳, אוּן הָאט זִי אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אַקֶעגְן דֶער זוּן! - הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זֶעהְן דִי אוֹתִיּוֹת! - הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעלֵייְנְט וָואס דָארְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען, אִיר ׳קְלָאגְן׳ אוּן אִיר ׳גֶעשְׁרֵיי׳, כַּנַ״ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! - אוּן (דָארְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען גֶעשְׁרִיבְּן): ״אַז הַיינְט [יֶעצְט] אִיז זִי שׁוֹין נִישְׁט אִין דֶעם ׳שְׁלָאס׳ (וָואס אוֹיבְּן אִיז גֶעשְׁטַאנֶען)! נָאר עֶר זָאל זוּכְן: אַ ׳גִילְדֶענֶעם בַּארְג׳, מִיט אַ ׳פֶּערְלֶענֶעם שְׁלָאס׳ [פֶעסְטוּנְג פוּן ׳פֶּערְל׳] - דָארְט וֶועסְטוּ מִיךְ גֶעפִינֶען״!

## פֶּרֶק ד - דָאס ׳גִילְדֶענֶע בַּארְג׳ מִיטְן ׳פֶּערְלֶענֶעם שְׁלָאס׳ / דִי מָאדְנֶע מֶענְטְשְׁן / סְ׳אִיז בְּוַודְאַי יָא דָא

[אוֹת א] הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דֶעם ׳מְשָׁרֵת׳! אוּן אִיז שׁוֹין אַלֵיין גֶעגַאנְגֶען זִי זוּכְן! - אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט זִי גֶעזוּכְט כַּמָּה שָׁנִים [אַסַאךְ יָאהְרְן]!

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: ״אַז אִין ׳יִשּׁוּב׳, גֶעפִינְט זִיךְ בְּוַודְאַי [זִיכֶער] נִישְׁט, קֵיין ׳גִילְדֶענֶער בַּארְג׳ אוּן

אַ ׳פֶּערְלְנֶער שְׁלָאס׳ [פֶּעסְטוּנְג פוּן פֶּערְל]! – וָוארְן עֶר אִיז גֶעוֶועןְ גֶענִיט [בַּאקַאנְט] אִין דִי ׳קְרוֹינִיקֶעס׳ (לַאנְד־קַארְד; מַאפֶּע) – עַל־כֵּן [דֶערִיבֶּער] וֶועל אִיךְ גֵייןְ אִין ׳מִדְבָּרִיוֹת׳, דָארְטְן זוּכְן״! – אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען זִי [אִיר] זוּכְן אִין ׳מִדְבָּרִיוֹת׳, כַּמָּה וְכַמָּה שָׁנִים [אַסַאךְ יָאהְרְן]!

[אות ב] דֶערְנָאךְ הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן: זֵייעֶר אַ ׳גְרוֹיסְן־מֶענְטְשׁ׳, וָואס דִי ׳גְרוֹיס׳ אִיז גֶעוֶוען ׳נִישְׁט־מֶענְטְשְׁלֶעךְ׳! – אוּן [יֶענֶער] הָאט גֶעטְרָאגְן אַ ׳גְרוֹיסְן־בּוֹים׳, וָואס אִין ׳יִשּׁוּב׳ גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי אַ [אַזַא] ׳גְרוֹיסֶער־בּוֹים׳!

אוּן דֶער [דָאזִיגֶער] ׳מֶענְטְשׁ׳ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: ״וֶוער בִּיזְטוּ״?! – הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אִיךְ בִּין אַ ׳מֶענְטְשׁ״! – הָאט זִיךְ דֶער ׳גְרוֹיסֶער־מֶענְטְשׁ׳ פַארְוואוּנְדֶערְט, אוּן הָאט גֶעזָאגְט: ״אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי אַ [אַזַא] לַאנְגֶע צַייט אִין דֶער ׳מִדְבָּר׳, הָאבּ אִיךְ קֵיינְמָאל דָא נִישְׁט גֶעזֶעהְן קֵיין ׳מֶענְטְשׁ״!

הָאט עֶר אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! אוּן אַז עֶר זוּכְט: אַ ׳גִילְדֶענֶעם בַּארְג׳, אוּן אַ ׳פֶּערְלְנֶעם שְׁלָאס׳!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״עֶס אִיז בְּוַודַּאי [זִיכֶער] נִישְׁט פַארְהַאנְדְן״! – אוּן הָאט אִים מַדְחֶה גֶעוֶוען [אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט]! אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״מֶען הָאט דִיר אַיינְגֶערֶעדְט אַ נַארִישְׁקַייט, וָוארְן עֶס גֶעפִינְט זִיךְ בְּוַודַּאי נִישְׁט״! – הָאט עֶר זֵייעֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען (הַיְינוּ: דֶער ׳שֵׁנִי־לְמַלְכוּת׳ הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, אוּן הָאט גֶעזָאגְט): ״עֶס גֶעפִינְט זִיךְ בְּוַודַּאי יָא, עֶס מוּז זִיךְ עֶרְגֶעץ גֶעפִינֶען״!

אוּן עֶר הָאט אִים מַדְחֶה גֶעוֶוען [אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט], (הַיְינוּ: דֶער ׳ווִילְדֶער־מֶענְטְשׁ׳ הָאט אִים מַדְחֶה גֶעוֶוען, אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט): ״מֶען הָאט דִיר אַ נַארִישְׁקַייט אַיינְגֶערֶעדְט״! – אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (דֶער ׳שֵׁנִי־לְמַלְכוּת׳): ״עֶס אִיז בְּוַודַּאי פַארְהַאנְדְן עֶרְגֶעץ״!

הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט (דֶער ׳ווִילְדֶער־מֶענְטְשׁ׳ צוּם ׳שֵׁנִי־לְמַלְכוּת׳): ״נָאךְ מַיין דֵעָה נָאךְ [לוֹיט וִוי אִיךְ הַאלְט], אִיז דָאס אַ נַארִישְׁקַייט! – נָאר וַוייל דוּ שְׁפַּארְסְט זִיךְ, בְּכֵן [דֶערִיבֶּער, וַוייל] [עַקְשְׁנְסְ׳ט] אִיךְ בִּין אַ ׳מְמוּנֶה׳ [אוֹיפְזֶעהְער] אִיבֶּער אַלֶע ׳חַיּוֹת׳, וֶועל אִיךְ דִיר צוּלִיבּ טָאן, אוּן וֶועל צוּם אוֹיפְרוּפְן [צוּנוֹיפְרוּפְן] אַלֶע ׳חַיּוֹת׳! – [וַוייל] זֵיי לוֹיפְן אוֹיס [אַרוּם] גָאר דִי וֶועלְט – [אִיז] טָאמֶער וֶועט וִויסְן אֵיינֶע פוּן זֵיי, פוּן דֶעם ׳בַּארְג׳ מִיט דֶעם ׳שְׁלָאס׳ הַנַ״ל״ [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

הָאט עֶר צוּם אוֹיפְגֶערוּפְן [צוּנוֹיפְגֶערוּפְן] אַלֶע ׳חַיּוֹת׳, פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס! אוּן הָאט זֵיי גֶעפְרֶעגְט! – הָאבְּן זֵיי אַלֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעזֶעהְן״!

הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: ״זֶעהְסְטוּ! מֶען הָאט דִיר אַ נַארִישְׁקַייט אַיינְגֶערֶעדְט! אַז דוּ ווִילְסְט מִיךְ פָאלְגְן, קֶער דִיךְ אוּם [צוּרִיק], וָוארְן דוּ וֶועסְט בְּוַודַּאי [זִיכֶער] נִישְׁט גֶעפִינֶען, וָוארְן עֶס אִיז נִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט״! – אוּן דֶער ׳שֵׁנִי־לְמַלְכוּת׳, הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁפַּארְט [גֶע׳עַקְשְׁנְ׳ט], אוּן הָאט גֶעזָאגְט: ״עֶס מוּז בְּוַודַּאי יָא זַיין״!

הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט (דֶער ׳ווִילְדֶער־מֶענְטְשׁ׳ צוּם ׳שֵׁנִי־לְמַלְכוּת׳): ״אִיךְ הָאבּ אַ ׳בְּרוּדֶער׳ אִין דֶער ׳מִדְבָּר׳, אוּן עֶר אִיז אַ ׳מְמוּנֶה׳ [אוֹיפְזֶעהְער] אִיבֶּער אַלֶע ׳עוֹפוֹת׳! – [אִיז] טָאמֶער וֵוייסְן זֵיי [דִי עוֹפוֹת], מַחֲמַת [וַוייל] זֵיי פְלִיעֶן הוֹיךְ אִין דֶעם ׳אֲוִיר׳ [לוּפְט], טָאמֶער הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן דֶעם ׳בַּארְג׳ מִיט דֶעם ׳שְׁלָאס׳! – זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ אִים, אוּן זָאלְסְט אִים זָאגְן: אַז אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעשִׁיקְט צוּ אִים״!

[אות ג] אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען כַּמָּה וְכַמָּה שָׁנִים [אַסַאךְ יָאהְרְן] אִים זוּכְן! – הָאט עֶר ווִידֶער גֶעפִינֶען זֵייעֶר אַ ׳גְרוֹיסְן־מֶענְטְשׁ׳, כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! – אוּן [יֶענֶער] הָאט אוֹיךְ גֶעטְרָאגְן אַ ׳גְרוֹיסְן־בּוֹים׳! – אוּן [יֶענֶער] הָאט אִים אוֹיךְ אַזוֹי גֶעפְרֶעגְט וִוי דֶער ׳עֶרְשְׁטֶער׳! – הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אוּן אַז דֶער ׳בְּרוּדֶער׳ הָאט אִים גֶעשִׁיקְט צוּ אִים!

אוּן עֶר הָאט אִים אוֹיךְ מַדְחֶה גֶעוֶוען [אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט]: ״בַּאֲשֶׁר [אַז] עֶס גֶעפִינְט זִיךְ בְּוַודַּאי נִישְׁט״! – אוּן דֶער ׳שֵׁנִי־לְמַלְכוּת׳, הָאט אִים אוֹיךְ זֵייעֶר מַפְצִיר גֶעוֶוען [אַיינְגֶעבֶּעטְן]: ״עֶס אִיז בְּוַודַּאי יָא דָא״!

הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: ״אִיךְ בִּין אַ ׳מְמוּנֶה׳ אִיבֶּער אַלֶע ׳עוֹפוֹת׳, וֶועל אִיךְ זֵיי רוּפְן, טָאמֶער וֵוייסְן זֵיי״! – הָאט עֶר צוּם אוֹיפְגֶערוּפְן [צוּנוֹיפְגֶערוּפְן] אַלֶע ׳עוֹפוֹת׳, אוּן הָאט אַלֶע גֶעפְרֶעגְט, פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס! – הָאבְּן זֵיי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט פוּן דֶעם ׳בַּארְג׳ מִיט דֶעם ׳שְׁלָאס״!

הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: ״זֶעהְסְטוּ! עֶס אִיז בְּוַודַּאי נִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט! – אַז דוּ ווִילְסְט מִיךְ

פָאלְגְן, קֶער דִיר אוּם [צוּרִיק], וָוארְן עֶס אִיז בְּוַדַּאי נִישְׁט דָא"! - אוּן עֶר (דֶער 'שֵׁנִי־לְמַלְכוּת'), הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁפַּארְט, אוּן הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז בְּוַדַּאי יָא דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט"!

הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "וַוייטֶער אִין דֶער 'מִדְבָּר', גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט מַיין 'בְּרוּדֶער', עֶר אִיז אַ 'מְמוּנֶה' [אוֹיפְזֶעהֶער] אִיבֶּער אַלֶע 'ווִינְטְן'! אוּן זֵיי לוֹיפְן אוּיס גָאר דִי וֶועלְט! - [אִיז] טָאמֶער וֵוייסְן זֵיי" [דִי ווִינְטְן]!

[אוֹת ד] אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען כַּמָה וְכַמָה שָׁנִים [אַסַאךְ יָאהְרְן, אִים] זוּכְן! - הָאט עֶר ווִידֶער גֶעפוּנֶען אַ 'גְרוֹיסְן־מֶענְטְש', כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! - אוּן [יֶענֶער] הָאט אוֹיךְ גֶעטְרָאגְן אַ 'גְרוֹיסְן־בּוֹים'! - אוּן הָאט אִים אוֹיךְ גֶעפְרֶעגְט כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! - הָאט עֶר אִים אוֹיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! - הָאט אִים דֶער [דָאזִיגֶער] 'מֶענְטְש' אוֹיךְ מַדְחֶה גֶעוֶוען [אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט]! - אוּן דֶער 'שֵׁנִי־לְמַלְכוּת', הָאט אִים זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן!

הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "[אַז] עֶר וֶועט אִים צוּלִיבּ טָאן, אוּן וֶועט פוּן זַיינֶעטְוֶועגְן, צוּם אוֹיפְרוּפְן [צוּנוֹיפְרוּפְן] אַלֶע 'ווִינְטְן', אוּן וֶועט זֵיי פְרֶעגְן"! - הָאט עֶר זֵיי גֶערוּפְן! - זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַלֶע 'ווִינְטְן'! - הָאט עֶר אַלֶע גֶעפְרֶעגְט! - הָאבְּן זֵיי קֵיינֶער נִישְׁט גֶעוואוּסְט, פוּן דֶעם 'בַּארְג' מִיט דֶעם 'שְׁלָאס'!

הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט (דֶער 'מֶענְטְש' צוּם 'שֵׁנִי־לְמַלְכוּת'): "זֶעהְסְטוּ! אַז מֶען הָאט דִיר אַ נַארִישְׁקַייט דֶערְצֵיילְט"! - הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶער 'שֵׁנִי־לְמַלְכוּת', זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען, אוּן הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֵוייס, עֶס אִיז בְּוַדַּאי [זִיכֶער] יָא דָא"!

## פֶּרֶק ה – דָאס ווִינְט טְרָאגְט אָפּ דִי 'בַּת־מֶלֶךְ' / עֶר גֵייט אַרַיין אִין שְׁטָאט / צוּם סוֹף הָאט עֶר אִיר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען

[אוֹת א] דֶערְוַוייל הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: "אַז עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען נָאךְ אֵיין 'ווִינְט'"! - הָאט זִיךְ דֶער 'מְמוּנֶה' אוֹיף אִים גֶעבֵּייזֶערְט: "וָואס הָאסְטוּ זִיךְ אַזוֹי פַארְשְׁפֶּעטִיגְט צוּ קוּמֶען?! אִיךְ הָאבּ דָאךְ גוֹזֵר גֶעוֶוען, אַז עֶס זָאלְן קוּמֶען אַלֶע 'ווִינְטְן', פַארְוָואס בִּיזְטוּ נִישְׁט גֶעקוּמֶען מִיט זֵיי"?!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ מִיךְ פַארְזוֹימְט, מַחֲמַת [וַוייל] אִיךְ הָאבּ בַּאדַארְפְט אָפְּטְרָאגְן אַ 'בַּת־מֶלֶךְ', צוּ אַ 'גִילְדֶענֶעם בַּארְג', מִיט אַ 'פֶּערְלְנֶעם שְׁלָאס'"! - הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר דֶערְפְרֵייט (הַיְינוּ: דֶער 'שֵׁנִי־לְמַלְכוּת' הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְפְרֵייט, וָואס עֶר הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן, דָאס וָואס עֶר ווִיל)!

הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶער 'מְמוּנֶה' אִיבֶּער 'ווִינְטְן', [פוּן] דֶעם 'ווִינְט': "וָואס אִיז דָארְטְן טַייעֶר"?! - הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "דָארְט אִיז אַלְדִינְג [אַלֶעס] טַייעֶר"!

הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן דֶער 'מְמוּנֶה' אִיבֶּער 'ווִינְטְן', אוּן הָאט גֶעזָאגְט צוּם 'שֵׁנִי־לְמַלְכוּת': "בַּאֲשֶׁר [ווִיבַּאלְד] אַזוֹי אַ [אַזַא] לַאנְגֶע צַייט וָואס דוּ זוּכְסְט זִי [אִיר], אוּן ווִיפִיל יְגִיעוֹת [פְּלָאג] דוּ הָאסְט גֶעהַאט! - בְּכֵן [דֶערִיבֶּער]! טָאמֶער וֶועסְטוּ הַיינְט [יֶעצְט] הָאבְּן אַ 'מְנִיעָה' מַחֲמַת [צוּרִיקְהַאלְט צוּלִיבּ] 'גֶעלְט' - עַל־כֵּן [דֶערִיבֶּער] וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן אַ 'כֵּלִי', אַז וֶוען דוּ וֶועסְט אַרַיינְטָאן דִי 'הַאנְט', וֶועסְטוּ פוּן דָארְט אַרוֹיסְנֶעמֶען 'גֶעלְט'"!

אוּן הָאט גֶעהֵייסְן דֶעם 'ווִינְט': "אַז עֶר זָאל אִים טְרָאגְן אַהִין"!

[אוֹת ב] אִיז גֶעקוּמֶען דֶער 'שְׁטוּרֶעם־ווִינְט', אוּן הָאט אִים אַהִינְגֶעטְרָאגְן! אוּן הָאט אִים גֶעבְּרַאכְט [גֶעבְּרֶענְגְט] צוּם טוֹיעֶר! - זֶענֶען דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען 'חַיָּלוֹת' [זֶעלְנֶער וָואס בַּאוַואכְן], אוּן הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט אִין 'שְׁטָאט' אַרַיין [אַרַיינְגֵיין]! - הָאט עֶר אַרַיינְגֶעטָאן דִי 'הַאנְט' אִין דֶער 'כֵּלִי', אוּן הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען 'גֶעלְט', אוּן הָאט זֵיי מְשַׁחֵד גֶעוֶוען! - אוּן אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין 'שְׁטָאט' אַרַיין! - עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע 'שְׁטָאט'!

אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ 'גְבִיר', אוּן הָאט זִיךְ אָנְגֶעדִינְגֶען 'קֶעסְט' [עֶר זָאל אִים שְׁפַּייזְן]! - וָוארְן מֶען בַּאדַארְף זִיךְ דָארְטְן פַארְזוֹימֶען! וָוארְן מֶען מוּז זֶעהְן מִיט 'חָכְמָה' אוּן 'שֵׂכֶל', מֶען זָאל זִי אַרוֹיסְנֶעמֶען! - (אוּן ווִיאַזוֹי עֶר הָאט זִי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען, הָאט עֶר [רַבֵּינוּ ז"ל] נִישְׁט דֶערְצֵיילְט)! - צוּם סוֹף הָאט עֶר זִי [אִיר] אַרוֹיסְגֶענוּמֶען! אָמֵן סֶלָה!

[צוּ פַארְשְׁטֵיין אַבִּיסְל דִי ווָאוּנְדֶערְלִיכֶע 'מוּסַר־הַשֵּׂכֶל', אוּן דִי מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְּקוּת, פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אוּן אוֹיף וָואס דָאס אִיז מְרַמֵּז – זֶעה אִין דִי 'הַקְדָּמָה' בִּלְשׁוֹן־הַקוֹדֶשׁ צוּם הֵיילִיגְן סֵפֶר 'סִפּוּרֵי־מַעֲשִׂיּוֹת'].

# דעם רבינ'ס מעשיות



שם ____________________

טלפון ____________________

עיר ____________________

# מבחן בסיפורי מעשיות

## מעשה א' - מאבידת בת מלך (2)

**א. מה עשה השני למלכות ביום האחרון של השנה?**
- ☐ טעם מהמעין של היין
- ☐ טעם מהתפוחים
- ☐ טעם מהמעין של מים

**ב. כמה שנים ישן השני למלכות?**
- ☐ שנה תמימה
- ☐ חמישים שנה
- ☐ שבעים שנה

**ג. האם השני למלכות התעורר מהשינה כשהבת מלך היתה מנערת אותו?**
- ☐ כן
- ☐ לא
- ☐ התעורר אחר כמה פעמים שהיתה מנערת אותו

**ד. למה בכתה הבת מלך?**
- ☐ כי יש רחמנות גדול עליה
- ☐ כי יש רחמנות גדול עליו
- ☐ שתי התשובות נכונות

**ה. עם מה כתבה הבת מלך על המטפחת לשני למלכות?**
- ☐ עם דיו וקולמוס
- ☐ עם דמעותיה
- ☐ עם נוצה של תרנגולת

**ו. מה אמר השני למלכות כשהקיץ משנתו?**
- ☐ למה טעמתי מהיין
- ☐ למה ישנתי זמן רב
- ☐ היכן אני בעולם

**ז. איך הצליח השני למלכות לראות מה שכתבה הבת מלך על המטפחת?**
- ☐ הרים אותה נגד הלבנה
- ☐ הרים אותה נגד השמש
- ☐ הרים אותה נגד הנר

**ח. מה היה כתוב על המטפחת?**
- ☐ כל קבלתה וצעקתה וכעת היא נמצאת במבצר הנ"ל
- ☐ כל קבלתה וצעקתה ותמצאני אצל הר של זהב ומבצר של מרגליות
- ☐ כל קבלתה וצעקתה וכעת היא נמצאת במדבריות

**ט. מה אמר האדם הגדול שהוא ממונה על החיות האם נמצא הר של זהב ומבצר של מרגליות?**
- ☐ בוודאי נמצא
- ☐ בוודאי אינו נמצא והוא דבר שטות
- ☐ אולי נמצא

**י. מה עשה השני למלכות?**
- ☐ התייאש עצמו מלחפש עוד
- ☐ התחיל לבכות ואמר שבוודאי בהכרח הוא נמצא באיזה מקום
- ☐ התחיל לבכות על שבוודאי אינו נמצא

**יא. מה השיבו כל החיות כשהאדם הגדול קרא לכל החיות?**
- ☐ שראו את ההר של זהב ומבצר של מרגליות
- ☐ שלא ראו את ההר של זהב ומבצר של מרגליות
- ☐ שאינם יודעים מהר של זהב ומבצר של מרגליות

**יב. מה אמר האדם הגדול שהוא ממונה על העופות האם נמצא הר של זהב ומבצר של מרגליות?**
- ☐ בוודאי נמצא
- ☐ בוודאי אינו נמצא והוא דבר שטות
- ☐ אולי נמצא

**יג. מה השיבו כל העופות כשהאדם הגדול קרא לכל העופות?**
- ☐ שראו את ההר של זהב ומבצר של מרגליות
- ☐ שלא ראו את ההר של זהב ומבצר של מרגליות
- ☐ שאינם יודעים מהר של זהב ומבצר של מרגליות

**יד. מה אמר האדם הגדול שהוא ממונה על הרוחות האם נמצא הר של זהב ומבצר של מרגליות?**
- ☐ בוודאי נמצא
- ☐ בוודאי אינו נמצא והוא דבר שטות
- ☐ אולי נמצא

**טו. מה אמר הרוח שאיחר לבוא לממונה למה התעכב לבוא?**
- ☐ כי היה צריך לשאת מלך אל הר זהב ומבצר של מרגליות
- ☐ כי היה צריך לשאת אבנים טובות ומרגליות אל הר של זהב
- ☐ כי היה צריך לשאת בת מלכה אל הר של זהב ומבצר של מרגליות

**ובסוף הוציאה - בהצלחה גדולה**

ספורי מעשיות שסיפר רבינו הקדוש הם קודש קדשים וכונתו ז"ל הייתה כדי לעורר אותנו משנתינו הרוחנית, וללמד אותנו דעת ודרך ישרה לעבודת השם יתברך בהתעוררות הלב, כמו שאמר רבינו: ש"ספורי מעשיות שלו מסוגלים לעורר מהשינה", ולמען דעת אשר בכל תיבה ותיבה מאלו המעשיות טמונים סודות התורה טמירים ונעלמים, כנשמע מפיו הקדוש בעצמו, ואפילו איש פשוט אשר יקרא אותם יכול להוציא לעצמו מוסר והתעוררות להשם יתברך

בס"ד

# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען ____________________

טעלפון ____________________

שטאט ____________________

# בחינה אויף סיפורי מעשיות

## די ערשטע מעשה פון די פארלוירענע בת מלך(2)

**א. וואס האט ער געטון די לעצטע טאג?**

- ❑ פארזוכט פון די קוואל ווייַן
- ❑ געגעסן פון די עפל
- ❑ פארזוכט פון די קוואל וואסער

**ב. וויפיל צייט איז ער געשלאפן?**

- ❑ א גאנצע יאר
- ❑ פופציג יאר
- ❑ זיבעציג יאר

**ג. האט ער זיך אויפגעוועקט ווען זי האט אים געוועקט?**

- ❑ יא, גלייך
- ❑ ניין
- ❑ נאך אפאר מאל וועקן

**ד. פארוואס האט זי געוויינט?**

- ❑ וויל ס'איז א גרויסע רחמנות אויף איר
- ❑ וויל ס'איז א גרויסע רחמנות אויף אים
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. מיט וואס האט זי געשריבן?**

- ❑ מיט א פענע
- ❑ מיט אירע טרערן
- ❑ מיט א פעדער

**ו. וואס האט ער געזאגט ווען ער האט זיך אויפגעכאפט?**

- ❑ פארוואס האב איך געגעסן פון די עפל
- ❑ פארוואס בין איך געשלאפן אזויפיל צייט
- ❑ וואו בין איך אין דער וועלט

**ז. וויאזוי האט ער געליינט וואס ס'איז געשטאנען אין די פאטשיילע?**

- ❑ ער האט עס אויפגעהויבן א קעגן די לבנה
- ❑ ער האט עס אויפגעהויבן א קעגן דער זון
- ❑ ער האט עס אויפגעהויבן א קעגן א ליכט

**ח. וואס איז געשטאנען אין די פאטשיילע?**

- ❑ אירע קלאגן, און אז זי איז צוריק אין פאלאץ
- ❑ אירע קלאגן, און אז ער קען זי געפינען ביי א גאלדענע בארג מיט א פערלינעם שלאס
- ❑ אירע קלאגן, און אז זי איז אין די מדבריות

**ט. וואס האט געזאגט דער ממונה אויף די חיות ?**

- ❑ אז ער ווייסט וואו עס איז די גאלדענער בארג און פערלינעם שלאס
- ❑ אז ס'איז זיכער נישט דא
- ❑ אז ס'איז דא, נאר ער ווייסט נישט אוווא

**י. וואס האט דער שני למלכות געטון?**

- ❑ ער האט זיך מייאש געווען פון זוכן
- ❑ ער האט געוויינט און געזאגט אז ס'איז בוודאי יא דא
- ❑ ער האט געוויינט ווייל ס'איז נישטא

**יא. וואס האבן די חיות געענטפערט?**

- ❑ אז זיי האבן געזען דעם בארג און דעם שלאס
- ❑ אז זיי האבן נישט געזען דעם בארג און דעם שלאס
- ❑ אז זיי וויסן נישט פון דעם בארג און דעם שלאס

**יב. וואס האט געזאגט דער ממונה אויף די עופות ?**

- ❑ אז ער ווייסט וואו עס איז די גאלדענער בארג און פערלינעם שלאס
- ❑ אז ס'איז זיכער נישט דא
- ❑ אז ס'איז דא, נאר ער ווייסט נישט אוווא

**יג. וואס האבן די עופות געענטפערט?**

- ❑ אז זיי האבן געזען דעם בארג און דעם שלאס
- ❑ אז זיי האבן נישט געזען דעם בארג און דעם שלאס
- ❑ אז זיי וויסן נישט פון דעם בארג און דעם שלאס

**יד. וואס האט געזאגט דער ממונה אויף די רוחות ?**

- ❑ אז ער ווייסט וואו עס איז די גאלדענער בארג און פערלינעם שלאס
- ❑ אז ס'איז זיכער נישט דא
- ❑ אז ס'איז דא, נאר ער ווייסט נישט אוווא

**טו. וואס האט געזאגט דער ווינט וואס האט געשפעטיגט צו קומען?**

- ❑ אז ער האט געדארפט טראגן א מלך צו א גאלדענעם בארג און א פערלינעם שלאס
- ❑ אז ער האט געדארפט טראגן דימאנטן צו א גאלדענעם בארג און א פערלינעם שלאס
- ❑ אז ער האט געדארפט טראגן א בת מלך צו א גאלדענעם בארג און א פערלינעם שלאס

**און צום סוף האט ער זי ארויס גענומען - מיט פיל הצלחה**

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה, און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

דעם רבינ'ס ליכט

צו מאכן די בחינה און אריין גיין אין גורל רוף די טעלפאן ליין 02-5-3333-72 - ארה"ב 646-518-1095